גוט שבת אלע אידן. אונזערע מעשה די וואך איז געשען מיט עטליכע 40 יאר צוריק, אפאר יאר נאך די הסתלקות פון הרה"צ רבי אברהם ישעיה קארעליץ זצ"ל דער "חזון איש." אזוי ווי עס איז באוואוסט, דער חזון איש זצ"ל איז געווען א מנהיג פון כלל ישראל, נישט נאר אין ארץ ישראל, אבער אין די גאנצע אידישע וועלט אויך. עס זענען דא אסאך מעשיות פון דעם חזון איש וואס ווייזן אויף די מופתים וואס ער האט געטון. די פאלגענדע מעשה איז איינע פון די מורא'דיגע מעשיות וואס ווייזט טאקע דעם כח פון א צדיק צו פועל'ן ישועות פאר אידן, אפילו נאך זיין הסתלקות.

אפאר יאר נאך דעם פטירה פונעם צדיק דער חזון איש זצ"ל, איז דער עולם נאך אלס פארנומען געווען רעדן וועגן דעם גרויסקייט פון דעם צדיק. איין טאג, א פאר יאר נאך דער צדיק'ס פטירה, זענען געפארן אפאר פרומע אידן אין א טעקסי אין בני ברק. דער דרייווער פון דעם טעקסי איז געווען א פרייער ספרדישער איד מיט'ן נאמען "נתן." עס האט נישט גענומען לאנג ביז די צוויי פרומע חברה האבן אנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם חזון איש זצ"ל. דער דרייווער נתן האט געפירט דעם טעקסי און ער האט צוגעהערט צו דעם רייד פון די צוויי אידן, וואס זענען געזיצן אין דעם "בעק" פון דעם טעקסי.

"בני ברק איז נישט די זעלבע פלאץ זייט זיין פטירה..." האט איינער פון די מענטשן געזאגט צו דעם צווייטן אין דעם בעק פון דעם טעקסי. "יא, אונזער דור דארף אזעלכע מיני גדולים..." האט דער צווייטער איד געזאגט מיט א קרעכטץ.

נתן, דער פרייער דרייווער, האט אלעס צוגעהערט פון דעם פראנט פון דעם טעקסי. אזוי ווי מיר האבן געזאגט, נתן איז געווען אינגאנצן פרייע, נעבאך. ער איז געגאנגען אנגעטון אן א קאפעל, מיט א קורצע העמד, וכו'. נתן האט צוגעהערט דעם שמועס און נאכדעם האט ער געזאגט פאר אן אנדערען מענטש וואס איז געזיצן לעבן אים אין דעם פראנט פון דעם טעקסי: "...דו האסט געהערט וואס די צוויי מענטשן זאגן אין די בעק... זיי זאגן אז דער חזון איש איז נפטר געווארן. זיי מאכן א טעות, זיי וויסן בכלל נישט וואס זיי רעדן!"

איינער פון די אידן אין די בעק פונעם טעקסי איז געווארן איבערראשט צו הערן וואס דער פרייער דרייווער האט געזאגט. דער פרומער איד האט געענטפערט דעם דרייווער זאגענדיק: "אנטשולדיגט מיר ביטע, אפשר האסטו נישט געהערט, אבער דער חזון איש איז נפטר געווארן שוין אפאר יאר צוריק..."

"דעמאלט ביסטו אויך נישט גערעכט!" האט דער ספרדי געזאגט מיט א פעסטקייט. "דער חזון איש לעבט נאך, און איך קען דאס אויפווייזן!" יעצט האבן אלע דריי מענטשן אין די טעקסי צוגעהערט צו דעם דרייווער נתן'ס ווערטער, מיט אפענע אויערן. ווען נתן האט דערזען אז אלע הערן אים צו, האט ער אנגעפאנגען צו דערציילן זיין פלא'דיגע מעשה מיט דעם חזון איש זצ"ל.

דער פרייער טעקסי דרייווער נתן האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין מעשה מיט דעם חזון איש זצ"ל.

"מיין טאכטער האט, ל"ע, געהאט פראבלעמען ווען זי האט געבוירן א קינד. זיי האבן איר געברענגט צום שפיטאל אין תל-אביב. די דאקטוירים האבן גאר נישט געקענט טון, און מיין טאכטער האט געליטן פון מורא'דיג יסורים, ל"ע. אן אלטע "נוירס" אין שפיטאל האט געזען ווי איך בין געווען אזוי באזארגט, און זי האט געזאגט צו מיר "פארוואס גייט איר נישט צו דעם חזון איש?"

"דער וואס... וואס איז א חזון איש?" האט איך געפרעגט מיט גרויס עם-הארצות. "ער איז א גרויסער רב, ער העלפט מענטשן." איז געווען אירע ענטפער. "וואו וואוינט ער?" "פארט קיין בני ברק און ווען דו קומסט אן, פרעג אפילו א קליין יונגעל אין די גאס, און ער וועט אייך זאגן." האט די נוירס געזאגט.

איך האב נישט געהאט וואס צו פארלירן, איך בין געפארן מיט מיין טעקסי קיין בני ברק כדי צו גיין רעדן מיט דעם חזון איש.

עס איז געווען שפעט ביי נאכט ווען איך בין אנגעקומען צו דער דירה פון דעם חזון איש. איך האב געקלאפט אויף דעם טיר און ער האט עס גלייך געעפענט מיט א ווארעמקייט. איך האב אים פארציילט וועגן מיינע טאכטער'ס יסורים וכו'. ער האט מיך אנגעקוקט און געזאגט "גיי צוריק צום שפיטאל, דאס קינד איז יעצט געבוירן געווארן." ער האט גענומען מיין האנט און ער האט מיך אנגעוואונטשן א מזל טוב. איך בין צוריק געפארן צום שפיטאל וואו איך האב געזען אז דער חזון איש איז געווען גערעכט, ד"ה מיין טאכטער האט טאקע געבוירן א קינד.

צוויי יאר צוריק איז געשען די זעלבע זאך מיט מיין טאכטער. זי האט ווידער געהאט פראבלעמען געבוירן א קינד. דאס מאל, האב איך נישט געדארפט אז איינער זאל מיך איינרעדן אז איך זאל פרעגן דעם חזון איש. נאר וואס? איך בין גלייך געפארן קיין בני ברק. איך בין געפארן צו דער גאס וואו איך האב געדענקט אז דארט וואוינט דער חזון איש. איך האב אפגעשטעלט דעם טעקסי און איך האב געפרעגט איינעם אויפ'ן גאס, אויב דער חזון איש ווי וואוינט אין יענע דירה. דער מענטש אויפ'ן גאס האט מיך אנגעקוקט אזוי ווי איך בין געווען משוגע. "וואס איז מיט דיר," האט דער מענטש געפרעגט, "ווייסטו נישט אז דער חזון איש איז נפטר געווארן א יאר צוריק!"

איך האב נישט געגלייבט וואס איך האב געהערט. "עס איז אן עמערדזשענסי! איך בין געקומען רעדן מיט דעם חזון איש, וואו זאל איך גייען יעצט?" האב איך אים געזאגט.

"אסאך מענטשן גייען צו זיין קבר. דארט קענסטו דאווענען פאר א ישועה." האט דער איד געזאגט פאר מיך.

איך בין שנעל געלאפן צו דעם בית החיים. ווען איך האב געטראפן זיין קבר, בין איך שנעל אראפגעפאלן אויף דעם ציון און איך האב אנגעהויבן צו וויינען, "רבי... איר האט איינמאל געראטעוועט מיין טאכטער'ס לעבן, ביטע דאווענט פאר איר נאך אמאל!"

איך בין געווען ביי די ציון א קורצע צייט און אן אינטערעסאנטע זאך איז געשען. איך האב געזען די צורה פונעם צדיק און איך האב געהערט דער צדיק'ס קול זאגן: "מזל טוב, דיין קינד איז געבוירען." און אזוי איז געשען... איך בין צוריקגעפארן צום שפיטאל וואו איך האב געהערט אז עס איז געבוירען צו מיר מיין צווייטן אייניקל!" האט דער דרייווער נתן געענדיגט פארציילן. דאן האט נתן געזאגט מיט א תמיהה פאר דער מענטש וואס איז געזיצן לעבן אים אין פראנט פון דעם טעקסי, "און די חברה זאגן אז דער חזון איש איז אוועק!"

צדיקים במיתתן קרויין חיים און די רשעים בחייהן קרויים מתים. צדיקים, אזוי ווי דער חזון איש, וואס זענען שוין לאנג נישט דא אויף די וועלט, לעבן נאך אלס. **גוט שבת אלע אידן.**

פאר מיר גייען ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים אין די מעשה וואס האבן א שייכות צו אונזערע פרשה. חז"ל זאגן אז "צדיקים במיתתן קרויין חיים" און "רשעים בחייהן קרויים מתים." (תלמוד ירושלמי מסכת ברכות טו:) דאס מיינט צו זאגן אז אפילו נאך די הסתלקות פון א צדיק איז עס כאילו אז ער לעבט נאך. אבער להבדיל די רשעים אפילו ווען זיי לעבן אויף די וועלט זענען זיי א בחינה פון מתים. די תורה דערציילט די וואך ווי רחל אמנו ע"ה איז נפטר געווארן. עס שטייט אין פסוק, "ויצב יעקב מצבה על קברתה הוא מצבת קברת רחל עד היום." (בראשית לה, כ) די מצבה פון דער צדיקת רחל בלייבט "עד היום." דאס איז אפשר מרמז אויפ'ן עניין פון "צדיקים במיתתן קרויין חיים." ווייל אזוי ווי חז"ל זאגן, רחל וויינט אויף אירע קינדער "עד היום." ד"ה רחל איז מעורר זכותים פאר אידישע קינדער "עד היום." פון דא זעט מען אז "צדיקים במיתתן קרויין חיים." איז לאמיר יעצט ענדיגען אונזער מעשה וואס צייגט דעם כח פון א צדיק, אפילו נאך זיין הסתלקות.

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו חיים מאיר הי"ו, בן בנו הרה"צ רבי אהרון מנחם מענדל שליט"א בשעטומ"צ
מזל טוב לחתן חיים ב.ר.ב ברוין נ"י לרגל שמחת אירוסיו ע.ב.ג בת מוה"ר לייבל סורקיס הי"ו בשעטומ"צ
מזל טוב למוה"ר אברהם משה גרויס הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו נפתלי נ"י
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר' דוד ע"ה כ' שבט תשס"ג
שתיקה יפה בשעת התפילה "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן." (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)